# צום פינטל

גליון מא
פרשת שופטים תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

שופטים

### ◆ מנהיגי ישראל

פרשת שופטים רעדט מען פון די 'מנהיגים' (ספורנו דברים טז יח). די פרשה איז עוסק אוועק צו שטעלן קביעות'דיגע 'מנהיגים' פאר כלל ישראל, וואס חוץ פון די 'חיוב פרטי' פון א יוד צו היטן תורה ומצוות, איז אויך דא א 'חיוב כללי' אויף 'כלל ישראל' צו הוטן די תורה און אוועק שטעלן 'מנהיגים' צו בויען דעם כח הכלל, צו ברענגען אלעמען צו קיום התורה והמצוות.

אין די פרשה איז אויסגערעכנט דער שופט, דער מלך, נביא, וכהן. דער 'שופט' איז דער וואס פארלאנגט די קיום התורה והמצוות וואס מ'האט מקבל געווען 'מסיני'. דער 'נביא' איז דער וואס ברענגט דעם 'דבר ה' יעצט אינעם 'הוה', ער פארציילט וואס דער אייבישטער וויל יעצט פון 'כלל ישראל', וואס דאס איז גאר שטערקער ווי 'מתן תורה', (ווי מ'זעהט אז מ'דארף פאלגען דעם 'נביא' אפילו אנטקעגען די תורה, אויסער ווען ס'קומט צו עבודה זרה, ווייל דאס אז ער קומט בשם ה' וואס דער אייבישטער זאגט יעצט, איז דאס אסאך שטערקער). און דער 'מלך' איז דער וואס שטעלט ארויס כלל ישראל אנטקעגען די אומות העולם, ווי ס'איז מבואר אסאך מאל אין תנ"ך, אז דאס איז דעם 'תפקיד' פונעם 'מלך' צו פירען מלחמות מיט אלע גויים ארום ארום.

די ספרים הקדושים (אנפאנג פרשה) זענען מבאר די אלע זאכן זענען אויך דא בפרטות ביי יעדער יוד, יעדער יוד דארף זיך אליינס משפט'ן, יעדער דארף מאנען פון זיך שמירת התורה והמצוות, 'שופטים ושוטרים תתן לך', שטעל דיך אליינס 'שופטים'.

אויך 'נבואה' איז א זאך וואס יעדער יוד דארף מעורר זיין ביי זיך, ווי דער 'חובת התלמידים' איז מאריך אז די נקודה פון 'חסידות' איז צו מעורר זיין די כח הנבואה וואס ליגט באהאלטן אין יעדער יוד. און אזוי אויך דער 'כח המלכות' דארף יעדער בארבעטן אין זיך, וואס דאס איז דער 'כח הבחירה' וואס יעדער יוד האט, די 'כח הבחירה' צו נעמען 'אחריות' אויף א זאך, בוחר זיין און מחליט זיין אין יעדער ענין, זיך א עצה צו געבן מיט אלע שטערנגען וואס מאכט זיך אין לעבן פון ארום ארום, (כעין ווי דער מלך וואס האלט מלחמות מיט אלע גויים ארום ארום).

> **אלע 'מנהיגים',**
> **אלעס ארבעט נאר דורעך**
> **די כח פון 'יראה', ווייל דאס**
> **איז די טבע הבריאה אז א 'ציבור'**
> **פון מענטשן קען מען נאר פירען דורעך**
> **'יראה', ווי מ'זעהט ביי די 'חוקים' פון**
> **א מדינה, אז דאס ארבעט נאר**
> **דורעך יראה און עונשים**

### ◆ גדר 'שופט'

בפשטות טייטשט א 'שופט' א 'ראש בית דין', איינער וואס טוט אדורעך די שווערע שאלות, די שווערע שאלות אין 'עניני ממון' אדער אין 'עניני נפשות'. אבער אויך ליגט אין די מושג 'שופט' נאך פארשידענע כוחות פן 'מנהיגים', 'מנהיגים' וואס זענען 'נסמך' געווארן צו פירן דעם כלל, מענטשן וואס כלל ישראל האט געשטעלט אלץ א 'בר סמכא' צו טראגען די אחריות פונעם כלל, מענטשן וואס טראגען די אחריות אויף די מסורה וואס מ'האט מקבל געווען.

מ'זעט אסאך אין תנ"ך אז די לשון 'שופט' מיינט שטראף רייד, ווי די לשון 'נשפטה יחד' (ישעיה מג, כו.) וכדומה, דער אויבישטער זאגט אסאך מאל איך וועל ענק משפט'ן אויפן נישט מקיים זיין תורה ומצוות, כעין דאס מיינט אויך דער ענין פון שטעלן 'שופטים' אין די פרשה, שטעלן איינער וואס מאנט און פארלאנגט צו מקיים זין תורה ומצוות. און דאס איז די ענין פון די 'שופטים' און זקנים אין ספר 'שופטים', און אויף דעם איז געזאגט געווארן 'יפתח בדורו כשמואל בדורו', אז אויב ער איז אויפגענומען געווארן צו פירן כלל ישראל, צו משפט'ן און שטראפן די יידן אויף קיום תורה ומצוות, דאן איז נישט דא אויף וואס מפקפק צו זיין.

ווען 'משפט' זאל מיינען ממונות'דיגע משפטים, איז שווער צו פארשטיין וואס הייסט 'יפתח בדורו כשמואל בדורו', אויב יפתח קען נישט פסק'נען, אבער אויב משפט'ן מיינט בכללות מוסר זאגן און שטראפן די יידן, פארשטייט מען עס אסאך בעסער ,אז אויב ער איז אויסגעוועלט געווארן צו זיין בראש פונעם דור, איז ער אזוי ווי שמואל אין זיין דור. (אויך טרעפט מען ביים 'מלך' די לשון 'משפט', 'אשר שפט המלך' (מלכים א' ג, כח.), 'ושפטנו מלכנו' (שמואל א' ח, כ.), וואס דאס מיינט אויך די ענין פון 'משפט' וואס אונז שמועסן יעצט).

אויך די 'יועצים' - וואס געבן עצות ווי אזוי צו מקיים זיין תורה ומצוות – זיי זענען אויך אין כלל פון די מצוה פון 'שופטים ושוטרים תתן לך', ווי מ'זאגט יעדן טאג ביים דאווענען, 'השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחלה', און די מדרש זאגט (ילקוט שמעוני לפי גירסת הגרא) אז די שופטים דאס איז דוד ושלמה, און די יועצים זענען משה און אהרן. סך הכל אלע וואס העלפן צו פירן כלל ישראל פון דער הייעך, אלע וואס ווערן ארויף געשטעלט צו פירן כלל ישראל, זענען אין כלל פון די מצוה פון 'שופטים ושוטרים תתן לך'. (עי' בגר"א בספר ישעיה על הפסוק 'ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה', ובמלבי"ם שם ד'שופטים' היא 'בין אדם

המשך בעמוד הבא

לחבירו׳, ו׳יועצים׳ היא ׳בין אדם למקום׳).

און דאס איז די המשך הפסוקים אין די פרשה צו פאלגען די מנהיגים, ׳כי יפלא ממך דבר למשפט בין דם לדם בין דין לדין וכו׳ וקמת ועלית וכו׳, ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט וכו׳, ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך וכו׳, ושמרת לעשות ככל אשר יורוך. די חיוב פון שופטים איז צו פסק׳נן אין אלע חלקי התורה והיהדות, און יעדער האט א חיוב מקבל צו זיין זייער הנהגה, אויך אין אלע תקנות וואס זיי מאכן, אלע תקנות וואס זיי שטעלן אוועק ווי מ׳זעהט אסאך אין חז״ל אז צו מקבל זיין די תקנות בית דין איז אין כלל פון דעם פסוק (נאר ס׳איז יתכן אז די חיוב ממש איז נאר ווען ס׳איז דא א בית דין פון ע״א, עי׳ רמבם).

## ♦ מלוכה ביי כלל ישראל

די ענין פון ׳מלוכה׳ ביי כלל ישראל איז א סוגיא, פון איין זייט האט די תורה געגעבן רשות צו מאכן א ׳מלך׳, אבער פון די אנדערע זייט איז די לשונות הפסוקים אז ס׳איז נאר א ׳דיעבד׳, אויב די יידן ווען שטארק מיטשענען, געט די תורה רשות אויף דעם, אבער ס׳איז נישט קיין לכתחלה, לכתחלה איז אודאי בעסער געווען אז ס׳זאל נישט זיין קיין מלך. (דאס איז די משמעות הפסוקים אין אונזער פרשה, און אויך אין ספר שמואל ווי ס׳איז מבואר באריכות אין די מפרשים דארט אין שמואל א פרק יב).

ביז די צייטן פון שמואל הנביא איז נישט געווען קיין מלך, ס׳איז געווען א מצב פון ׳איש כל הישר בעיניו יעשה׳, די כח ה׳כלל׳ איז נישט געווען אזוי שטארק, יעדער האט געלעבט מער מיט זיין אייגענע כח הבחירה, מער אזא דארפישע רואיגע לעבן, און ווען ס׳איז געקומען צו מלחמות, מלחמה צו האלטן מיט די גוים ארום און ארום ארץ ישראל, האט מען זיך זייער געמוטשעט, און ס׳איז נאר געווען איין ׳אפציע׳, איין עצה איז געווען אויף דעם, צו שרייען און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל פירן די מלחמות. בדרך הטבע איז נישט געווען קיינע סאלדאטן מיט א כח המלכות, נאר מ׳האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיך פירן מיט אונז ׳למעלה מדרך הטבע׳.

ווען ס׳איז געקומען די צייטן פון שמואל הנביא האבן די יידן געבעטן אז זיי ווילען א ׳מלך׳, זיי האבן געוואלט זיך אויפבויען מיט א שטארקע קעניג און א שטארקע מיליטער, מ׳האט געוואלט אויפבויען די כח הכלל, צוזאם נעמען די כוחות ארויסצוגיין אין מלחמות. אבער אין דעם איז דא א מורא׳דיגע חסרון, אז מ׳פאנגט מען זיך אהן צו פארזיכערן אין ׳כחי ועוצם ידי׳, און מ׳קען מען ח״ו לייכט פארגעסן פונעם אייבירשטן, האבענדיג א אייגענע מלוכה און א אייגענע מיליטער, מיינענדיג אז דורעך די אייגענע כוחות געווינט מען די מלחמות, ׳כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה׳.

איז וועגן דעם איז ׳מלוכה׳ ביי יידען נישט קיין לכתחלה׳דיגע זאך, ס׳איז דא א מורא׳דיגע פחד פון אריינפאלן, אבער די תורה הקדושה זאגט אז אויב די יידן בעטן שטארק, האבן זיי רשות אויב מ׳וועט זיין זהיר נישט צו פארגעסן ח״ו פונעם אייבירשטן, און בפרט דער קעניג זעלבסט איז די תורה הקדושה מצווה מיט פיל הלכות, אלץ אז ער זאל ח״ו נישט פארגעסן פונעם אייבירשטן.

און דאס איז די מעשה דארט אין ספר שמואל, ווי שמואל הנביא האט זיי אנגעשראקן מיט קולות וברקים, אז ס׳זאל זיי ארייגיין אין די ביינער אז דער אייבישטער איז אלעס, און אפילו זיי שטעלן א קעניג, זאלן זיי אבער געדענקן אז ס׳איז נאר א בדיעבד, לכתחלה וואלטן מען געדארפט לעבן מיט׳ן אייבירשטן זעלבסט כביכול, אהן קיין ׳אמצעי׳ פון א ׳מלך׳. כאטש דער ׳מלך׳ ׳רעפיזענט׳ אויך דעם אייבירשטן, אבער ס׳איז נישט די לכתחילה׳דיגע וועג, נאר אויב ס׳איז נישט דא קיינע ברירות, דאן געט די תורה די רשות צו גיין מיט דעם.

אלע מנהיגים ׳רעפיזענטן׳ דעם אייבירשטן, סיי דער שופט און סיי דער נביא, און אויך דער מלך, אבער ביים ׳שופט׳ און ׳נביא׳ איז נישט דא אזא חשש אז זיי וועלן פארגעסן פונעם אייבירשטן ח״ו, פארקערט זיי זענען דאך די וואס ברענגען דעם דבר ה׳ פארן ציבור, אבער ביים ׳מלך׳ דארטן איז די חשש גרויס, ביים מלך איז א שטארקע פחד אז ער זאל נישט ח״ו ארייגפאלן אין די גויישע פאליטיק, ער זאל ברענגען דעם כבוד פארן אייבירשטן, לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות, זיצן על כסא השם יתברך, גלייבן אז אלע כוחות גשמיות, אלעס איז פונעם אויבירשטן, און נישט פארקערט, מאכן א חילול ה׳ ח״ו.

## ♦ סמיכה און ׳בר סמכא׳

די תורה גייט איבער מדור לדור, פון ׳מתן תורה׳ ציעט זיך די קייט פון די מסורה פאר יידישע קינדער, איין דור געט איבער די תורה פאר דעם קומענדיגען דור. אבער אויסער דעם ליגט א חיוב אויפן ציבור ארויס צו שטעלן די לומדי תורה אויפן ׳פלאטפארמע׳, זיי אוועק צו שטעלן פאר ׳בעלי סמכות׳, די ציבור איז אחראי אויף דעם, ווי די חז״ל זאגן (ברכות נה ע״א) ׳אין מעמידים פרנס על הציבור, אלא א״כ נמלכים בציבור׳, די ציבור איז דער וואס איז מחויב צו באשטומען ׳שופטים׳ און ׳מנהיגים׳, ׳שופטים ושוטרים תתן לך׳, ס׳ליגט אויף דיר, ס׳ליגט אויף כלל ישראל. כלל ישראל האט א חיוב צו שטעלן ׳בעלי סמכא׳ צו פירן דעם ׳כלל׳, און אלע וואס ווערן ארויסגעהויבן אלץ ׳בעלי סמכא׳, זענען אין די כלל פון די מצוה פון ׳שופטים ושוטרים תתן לך׳.

די פסוקים זאגן אסאך מאל אז די ׳מנהיגי ישראל׳ זענען במקום דעם אייבירשטן כביכול, דער אייבישטער איז צוזאמען מיט די דיינים בשעת זיי פסק׳נן, און זיי ווערן אנגערופן ׳אלוקים׳ (׳והגישו אדוניו אל האלוקים׳ וכדומה), און דער אייבישטער העלפט זיי צו צום פסק, ׳כי המשפט לאלוקים הוא׳ (דברים א יז). און דער ׳נביא׳, ער איז דאך ממש א ׳שליח ה׳׳, ער איז געשטעלט פונעם אייבירשטן צו ברענגען פאר כלל ישראל דעם דבר ה׳. אויך דער מלך ׳רעפיזענט׳ דעם אייבירשטן, ער איז במקום דעם אייבירשטן כביכול אויף די וועלט, ווי די פסוק זאגט ביי שלמה המלך ׳וישב שלמה על כסא ה׳׳.

און דאס איז די כח פון ׳סמיכה׳, די כח פון סמיכה קומט פון ׳כלל ישראל׳, זיי דארפן שטיין בשעת די סמיכה (ווי מ׳זעהט ביי די זקנים און ביי יהושע בן נון), און אויך דער אייבישטער איז דארט, ווי ס׳איז מבואר אין די פסוקים ביים שטעלן די שבעים זקנים, און אויך ביים מסמיך זיין יהושע בן נון, וואס דאס איז אלץ א כח פון סמכות און טראסט וואס דער מנהיג באקומט, סיי מלמטה פון כלל ישראל, און סיי מלמעלה כביכול פונעם אייבירשטן, כי המשפט לאלקים היא׳.

מ׳טרעפט צומאל אז ׳בית דין׳ מיינט ׳כלל ישראל׳, ווי למשל די חז״ל אין מסכת שבת אז ׳קטן אוכל נבילות, בית

המשך בעמוד האחרון

## באצווינגען דעם 'בעל חי'

שבת קודש איז אסור 'מלאכת צידה', ס'איז אסור צו פאנגען 'בעלי חיים'. די טבע פון 'בעלי חיים' אז זיי אנטלויפן פונעם מענטש, זיי דרייען זיך ארויס מיט אלע וועגען, זיי לאזען זיך נישט בעל בית'ווען, אבער דער מענטש קומט מיט די כח פון 'צידה' און איז זיך מתגבר אויף זיי, ער באצווינגט זיי אנטקעגען זייער רצון. איז אין די וואכן טעג, איז דאס דער תכלית פונעם 'בעל חי' צו משמש זיין דעם מענטש, ווי די חז"ל זאגען (סוף קידושין) 'והם לא נבראו אלא לשמשני', אבער שבת קודש איז דאס אסור אלץ די מלאכה פון צידה.

די תכלית פון די ל"ט מלאכות בכלל, איז צו ברענגען די בריאה צו די צורך פונעם אדם, די בריאה זעלבסט נאטורליכערהייט, איז נישט צוגעפאסט אינגאנצן צו די צרכי האדם, דער בריאה האט דער אייבישטער באשאפן אז ס'איז נאך רויע, און דער מענטש דארף קומען מיט די כח פון 'מלאכה', און צופאסן די בריאה צו זיך, ער נעמט פארשידענע חומרים - רויע מאטריאל, און ער בארבעט עס מיט די כח פון מלאכה, ער גרייט זיך צו זיין עסן (די אלע מלאכות פון 'סידורי דפת') און זיינע קליידער (די אלע מלאכות פון גוזז און ווייטער), אויך מאכט ער ספרים פון די 'עורות', און ער בויט זיך א דירה, וואס דאס איז די מלאכה פון בונה, און אזוי ווייטער.

אויך ביי מלאכת צידה דארף זיך דער מענטש מתגבר אויף די בריאה, ער דארף ארבעטן שווער צו ברענגען די בעלי חיים צו זיך, דער 'בעל חי' אנטלויפט פונעם מענטש, דער 'בעל חי' אנטלויפט פאר זיין לעבן, און דער מענטש דארף טרעפן 'פאטענטין' אים ארייצוכאפן צו זיך, וואס דאס איז די מלאכה פון צידה.

די בריאה זעלבסט איז הארט, ער לאזט זיך נישט אזוי לייכט בייגען צו די צרכי האדם, אבער דער מענטש קומט אויף מיט עצות און תחבולות, ער קומט מיט די כח פון 'מלאכה', ער קומט אויף מיט 'פאטענטען' ווי אזוי צו מאכן די בריאה אביסל ווייעכער, ווי אזוי צו מאכן די בריאה מער צוגעפאסט צו זיך. (עי' במשנה בעבודה זרה בשאלת טרנסרופס לר"ע 'של מי נאה, של בשר ודם נאים וכו').

ווי למשל ביי 'מלאכת חורש' מאכט דער מענטש אז די ערד זאל ווערן ווייעך אנצוזייען, די ערד זעלבסט איז הארט און לאזט זיך נישט פונעם מענטש, אבער מיט די כח פון 'מלאכה', מיט די כח פון 'חורש', איז זיך דער מענטש מתגבר אויף די בריאה, ער מאכט די בריאה ווייעכער און מער צוגעפאסט צו אים. און אזוי ווייטער ביי אלע מלאכות איז די ארבעט צו מאכן די בריאה ווייעכער צום מענטש, דורעך די כח פון מלאכה מאכט מען די בריאה מער צוגעפאסט צום מענטש.

און אזוי איז אויך ביי מלאכת צידה, געוועהנטליך 'בעלי חיים' זענען הארט צום מענטש, זיי לאזן זיך נישט פון אים, און דער מענטש דארף אויפקומען מיט עצות און תחבולות ווי אזוי אים איבער צו קליגען, ער דארף אויפקומען מיט עצות ווי אזוי זיך מתגבר צו זיין אויף דעם כח הרצון פונעם 'בעל חי'. דער 'צומח' האט נישט קיין כח הרצון, ער שלאגט זיך נישט מיטן מענטש מיט א כח פון 'רצון', ער איז פשוט נישט אהער געשטעלט אינגאנצן, מ'דארף אים אביסל בארבעטן און מאכן אביסל ווייעכער, אביסל מער צוגעפאסט צום מענטש, אבער דער 'בעל חי' האט א 'רצון', ער האט א רצון צו לעבן, ער האט א 'רצון' צו זיין זיך אליינס, ממילא דא דארף דער מענטש אויפקומען מיט גאר ספעציעלע פאטענטן זיך מתגבר צו זיין איבער אים.

די הלכה איז אז 'בעלי חיים' וואס זענען אין די רשות פונעם מענטש - חיה ועוף שברשותו, בעלי חיים וואס האבן זיך איינגעוואוינט מיטן 'בעל הבית', איז נישט דא ביי זיי קיין איסור 'צידה' מן התורה, און בפרט 'בהמות' וואס לויפן בכלל נישט אוועק פונעם מענטש, איז נישט דא ביי זיי אפילו א איסור דרבנן פון צידה. פשט איז אז די דאזיגע בהמות און חיות זענען ווייעך צום מענטש, זיי זענען נישט הארט קעגען אים, ממילא ווערט עס נישט פאררעכנט ווי א 'מלאכה', זיי זענען ניצוד ועומד (חוץ אויב זיי זענען מוריד, סוד שמרד וכו').

## א קינסטליכע מלאכה

אלע ל"ט מלאכות זענען קינסטליכע מלאכות, אלע מלאכות זענען 'מלאכת מחשבת', פאטענטן וואס דער מענטש האט אויסגעטראפן זיך צו צוגרייטן זיינע צרכים, אבער מער פון אלעס איז 'מלאכת צידה', 'מלאכת צידה' איז במיוחד א קינסטליכע מלאכה, ס'איז מיוחד'דיגע אינטערסאנטע קינצן וואס דער מענטש האט אויסגעטראפן צו פאנגען די 'בעלי חיים' (עי' ספר הכתב והקבלה פרשת בראשית, די פאטענטן און די כלים וואס דער מענטש מאכט, אים צו צוהעלפן אין די 'מלאכות').

אלע ל"ט מלאכות זענען קינסטליכע מלאכות, אלע מלאכות זענען 'מלאכת מחשבת', פאטענטן וואס דער מענטש האט אויסגעטראפן זיך צו צוגרייטן זיינע צרכים, אבער מער פון אלעס איז 'מלאכת צידה', 'מלאכת צידה' איז במיוחד א קינסטליכע מלאכה

'צידה' איז פון די לשון 'ואשר לא צדה', וואס טייטשט 'לאקערן', לאקערן מיינט נאך גיין א מענטש און אים ארייכאפן צו זיך אנטקעגען זיין רצון, און די סדר בדרך כלל איז אז מ'גייט אזוי פון דער זייט - מן הצד, אומבאמערקטערהייט, וואס אזוי געט מען יענעם א כאפ אריין צו זיך. יענער באמערקט נישט ווי מ'דערנענטערט זיך, ער באמערקט גאר נישט אז מ'צילט צו אים, און אזוי געט ער יענעם א כאפ אריין צו זיך.

אין 'הלכות צידה' רעדט מען אסאך פון 'ניצוד ועומד', וואס באדייט א בעל חי וואס איז שוין געכאפט געווארן, ער איז שוין 'ניצוד ועומד'. איינער פון די הגדרות אויף 'ניצוד ועומד' איז די הלכה פון 'בחד שחיה', וואס דאס מיינט אז מ'איז שוין אזוי נאנט צום בעל חי, אז מיט איין שפרינג צום 'בעל חי', מיט איין בייג צו די זייט, האט מען אים געכאפט, וואס דאן הייסט ער שוין 'ניצוד ועומד'.

דאס איז 'מלאכת צידה', 'תחבולות' און ערמימיות, 'פאסקעס' וואס מ'שטעלט אונטער, מ'לויפט נאך דעם 'בעל חי' אז ער זאל ארייגלויפן ערגעץ ווי און ווערן געפאנגען, פארשידענע פאטענטן און 'ערמימיות'ן וואס און ווי אזוי מקליגט איבער דעם 'בעל חי', ווי אזוי מ'קלוגט אים איבער אנטקעגען זיין 'רצון', ווי אזוי מ'כאפט אים אריין צו דיינע רצונות.

און דאס איז פשט פון די פסוק 'ואשר לא צדה', א לשון פון 'לאקערן', און א לשון פון 'צידה', און די שורש איז פון די לשון 'מן הצד', ווייל דאס איז די וועג צו לאקערן און כאפן יענעם, דורעך 'תחבולות' 'פון דער זייט', מ'קומט פון דער זייט אומבאמערקטערהייט, און אזוי געט מען יענעם א כאפ. אויב די ווועסט קומט צו יענעם פנים אל פנים, וועסט קומען דיירעקט און 'קאנפראנטן', דאן וועט יענער גלייך אנטלויפן, ער היט זיך דאך פאר'ן לעבן, ממילא דארף מען קומען מיט 'תחבולות' און 'ערמימיות', מ'קומט אויף א אופן ווי כאילו מ'מיינט נישט אים, מ'קומט פון די זייט, און אזוי געט מען יענעם א כאפ, וואס דאס איז 'לאקערן', און דאס איז 'צידה', אויפצוקומען מיט תחבלות פון דער זייט.

דין מצווין להפרישו׳, און די פוסקים זאגען אז ׳בית דין׳ מיינט מען דא יעדער יוד. און די שורש הדבר איז ווייל דער כח פון ׳בית דין׳ קומט פון כלל ישראל, כלל ישראל איז דער וואס איז מסמיך די מנהיגים, זיי שטעלן ארויס די דיינים אויפן ׳פלאטפארמע׳, ׳שופטים ושוטרים תתן לך׳, ממילא ווערט די כח פון ׳בית דין׳ פאררופן אויף כלל ישראל.

## סמכות למנהיגים

ביי די שופטים נביאים און מלכים טרעפט מען, אז איינער האט געקענט האבן אפאר ׳מינויים׳ צוזאמען. למשל דער ׳כהן׳ האט געקענט אויך זיין א ׳נביא׳ (אזוי ווי אהרן הכהן, פינחס, זכריה בן יהוידע, וירמיה), דער ׳מלך׳ האט אויך געקענט זיין א ׳שופט׳, אזוי ווי דוד המלך איז געווען א ׳מלך׳ און א ׳שופט׳. און אויך דער ׳נביא׳ האט געקענט זיין א ׳שופט׳, ווי ס׳איז באקאנט אויף אסאך נביאים וואס זיי פלעגען זיצן אין די סנהדרין. און במיוחד איז דער ׳כהן׳ געווען אויך א ׳שופט׳, דער ׳כהן׳ איז געווען דער שפיץ ווען ס׳איז געקומען צו פסק׳נן, ווי ס׳איז מבואר אין די פרשה (דברים יז ט) ׳ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט וגו׳׳.

באמת ארויס צו שטעלן מנהיגים איז א שווערע זאך, ס׳איז שווער ארויסצוהייבן דעם דעם ׳פרט׳ פונעם ׳כלל׳, ארויסהייבן דעם ׳פרט׳ און אויסרופן אז ער איז ראוי פאר א ׳מנהיג׳, און אין אלע דורות איז געווען שוועריגקייטן מיט דעם, ווי למשל ביי די מלוכה פון ׳שאול המלך׳ האט דער עולם אים נישט אזוי מקבל געווען מתחלה, נאר שפעטער ווען ער האט שטארק מצליח געווען אין מלחמה, איז ער געווארן אנגענומען ביים עולם. אזוי איז אויך געווען ביי די מלוכה פון דוד, וואס ס׳איז געגאנגען זייער שווער ביז ער איז געווארן אנגענומען ביי יעדעם.

איז ווייל ס׳איז אזא שווערע זאך, ווערגען דעם איז אסאך לייכטער צו אויפנעמען איינער וואס איז שוין סיי ווי דערהויבן, איינער וואס איז שוין סיי ווי אויפן ׳פלאטפארמע׳, אזוי דארף מען נישט טראכטן פון פריש צו ער איז ראוי אדער נישט. איז דאס איז דער ענין אז דער כהן וואס איז סיי ווי דערהויבן איבער די יידן, איז ער שוין אויף למעלה און נאך זאכן, ווי למשל צו משפט׳ן די יידן, ווייל איינמאל ער איז אויף די זייט פון משפיע זיין, גייט שוין אלע אנדערע השפעות אסאך לייכטער.

[בימי בית שני אין די צייטן וואס ס׳איז נישט געווען קיין ׳מלכים׳, איז דער ׳כהן גדול׳ געווען דער שפיץ פון כלל ישראל, ער האט געדארפט העלפן כלל ישראל אנטקעגען די אומות העולם מיט שתדלנות וכדומה. ער האט געטוהן אביסל דער תפקיד פון א מלך וואס שטעלט זיך ארויס קעגען די אומות העולם. אויך שפעטער איז די מלכות געווען בידי הכהנים, ווי ס׳איז געווען אין צייטן פון ׳מלכי בית חשמונאי׳ (ווי ס׳איז באקאנט דער רמב״ן אז ס׳איז געווען א חטא מצידם, אז זיי האבן נישט געגעבן די מלוכה פאר שבט יהודה. אויך איז געווען אין יענע צייטן א ׳נשיא׳, וואס ער האט זיך אויך ארויס געשטעלט פארן כלל, אנטקעגען די גויים אדער שלעכטע יידן)].

## א ׳כלל׳ ווערט געפירט דורעך ׳יראה׳

און דאס איז אלעס דורעך די כח היראה, ׳שופטים ושוטרים תתן לך׳, אויב ס׳איז נישט דא קיין ׳שוטרים׳ איז נישט דא קיין ׳שופטים׳, צו פירען דעם כלל און משפט׳ן אז א מענטש איז נישט גערעכט, דאס קען מען נישט טוהן נאר דורעך די מידה פון ׳יראה׳. און באמת אלע ׳מנהיגים׳, אלעס ארבעט נאר דורעך די כח פון ׳יראה׳, ווייל דאס איז די טבע הבריאה אז א ׳ציבור׳ פון מענטשן קען מען נאר פירען דורעך ׳יראה׳, ווי מ׳זעהט ביי די ׳חוקים׳ פון א מדינה, אז דאס ארבעט נאר דורעך יראה און עונשים. א קלענערע קבוצה פון מענטשן קען ארבעטן דורעך די מידה פון ׳אהבה׳, אבער ווי גרעסער די קבוצה איז, מוז די זאך בהכרח צו גיין דורעך די כח פון ׳יראה׳.

משל למה הדבר דומה צו א מלמד אין א קלאס, וואס ווי קלענער די קלאס איז, קען ער מער גיין מיט די מידה פון ׳אהבה׳, און ווי גרעסער די קלאס איז, דארף ער מער אריינברענגען די מידה פון יראה אין ׳דיסיפלען׳. און כל שכן דער ׳מנהל׳ וואס פירט אהן מיט די גאנצע מוסד, ער פירט אהן מיט גאר אסאך קינדער אין איינעם, ער מוז זיכער גיין מיט אסאך ׳יראה׳, נישט קיין חילוק ווי א ליבליכער ׳מנהל׳ ער איז, כדי צו פירן אזא עולם מיט קינדער, מוז עס גיין מיט גאר אסאך יראה.

און דאס איז פשט וואס שטייט אפאר מאל אין ספר שופטים און אין ספר שמואל, אז אין די צייטן פון די ׳שופטים׳ איז ׳אין מלך בישראל, איש כל הישר בעיניו יעשה׳. פשט אז ס׳איז געווען מער א מצב פון מידת ׳אהבה׳, ׳אין מלך בישראל׳, ס׳איז נישט געווען דער ׳מלך׳ וואס זאל אריינברענגען ׳יראה׳, ס׳איז געווען אזא אהבה׳דיגע מצב, ׳איש כל הישר בעיניו יעשה׳, קיינער האט נישט געצווינגען אהער אדער אהין, מאך אהער מאך אהין, מ׳האט געטוהן וואס מ׳האט ׳בוחר׳ געווען צו טוהן, וואס מ׳האט געפילט אז ס׳איז גוט פאר מיך צו טוהן, ווי די חז״ל זאגען ׳שפוט השופטים׳, דור ששופטים את שופטיהם, ס׳האט געפעלט די כח היראה ביי כלל ישראל.

אבער ווען מ׳האט געשטעלט א ׳מלך׳ האט זיך אלעס אפגעשטעלט, ווי די פסוקים זאגען ארויס שארף דארטן אין ספר שמואל (שמואל א פרק יב), אז דער ׳עולם׳ וועט זיך מוזן צושטעלן צום מלך, מ׳וועט זיך דארפן משעבד זיין פאר זיין מיליטער וכו׳. פון איין זייט נעמט דער ׳מלך׳ גוט צוזאם דעם עולם, ער האט די כח היראה וואס נעמט צוזאם א ריזיגע עולם, אבער פון די אנדערע זייט קאסט עס א פרייז, מ׳פארלירט אביסל די פרטיות׳דיגע בחירה, ס׳פאלט אוועק דעם ׳איש כל הישר בעיניו יעשה׳, מ׳קען שוין נישט טוהן וואס ס׳איז גוט און געשמאק פאר מיר, מ׳מוז זיך צושטעלן צום די ׳פארעם׳ וואס דער ׳מלך׳ שטעלט אוועק, מ׳מוז זיך צושטעלן צום ׳כלל׳.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ״ך 2 - שיעורים על רוב תנ״ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+